# אַ בריוו אין מײַן האַנט

בײַ דער גוטער שכנה אין שטאָל
שרײַבט אַ בריוו
מײַן שוועסטער פון פערצן יאָר.
אירע האָר
זענען פאַרדעקט מיט דער מאַמעס טיכל.
זי וויינט פאַר דעם שמאָלן ליכט
פון די שפּאַרונגעס פון שטאָל.
דער הונגער טוט איר ווײ.
ס׳ציטערט איר שמאָלער גוף.
אויף די קני
איר דינע האַנט —
ברודער אין ווײַטן לאַנד:

ס׳איז איז אַזוי, אַזוי.
פון אַלע — אַליין געבליבן.
די בריוו, וואָס זי האָט געשריבן,
גיט זי דער גוטער שכנה אין האַנט —
ברודער אין ווײַטן לאַנד.

מײַן שוועסטער איז מער נישטאָ
נאָר ס׳ליכט דורך שמאָלע שפּאַרונגעס
זוכט נאָך אַרום
בײַ דער גוטער שכנה אין שטאָל
ס׳געשטאַלט פון מײַן שוועסטער.